[1] Ashkenazi Mashait

15th to 19th cent.

אותיות צו"ר

[צאינה וראינה]

צאינה וראינה

חלק ראשון

(ווילנא: ראם, 1878)

פרשת בראשית ב

בְּרֵאשִׁית

בְּרָא אֱלֹהִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ׃ אין
ערשטין בטעפכים פֿון הימל אונ ערד׃ דא איז
גיוועזין דיא ערד וויסט אונ לער אונ פינסטר
אן דעם אב גרונד׃ אונ דער (כסא הכבוד)
פֿון הקב"ה איז גישטאנן אין לופֿטין איבר די
וואסר׃ אונ ווארום האט די תורה אן גיפאנגן
מיט דעם ב׳ ער לערינט אונז׃ וויא איז איין ב
דיא האט דרייא זייטן די נאט זיינן׃ אונ דיא
פֿערטע זייט איז אפֿן...

וועלט׃ ער מאג זיא געבין וועמן ער וויל׃
אונזערע חכמים האבין גיזאגט פֿון דריי ערלייא
ווענין האט הקב"ה די וועלט בשאפֿן׃
ווענין די תורה די דא הייסט ראשית דרכו׃
פֿון ווענין דיא קרבנות די מען האט גיבראכט
אין בית המקדש דאס הייסט ראשית׃ דרום
וויל דער בית המקדש איז וואָרן פֿריער בשאפֿן
איי די וועלט איז בשאפֿן גיוואָרין׃ אונ דאס
דריטע איז׃ דיא וועלט איז וואָרן בשאפֿן פֿון
ווענין צדקה אונ מעשרות דיא הייסן ראשית
דגנך׃ אונ דרום וויל דיא תורה האט גוויזין
אויף דאס בית המקדש אין דעם ערשטין פסוק
דרום וייזט ער אונז אויף וויא עס אויך וועט
חרוב ווערין׃ דרום זאגט ער וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ
וָבֹהוּ די ערד ווערט זיין פאר וויסט׃ דען דיא
סליחה ווערט זיך אין חורבן אפ טאן׃ אונ דרום
זאגט ער אוהיא וְרוּחַ אֱלֹהִים מְרַחֶפֶת עַל פְּנֵי

[2] Square Vocalized

1810-1914

עברי-טייטש

(ווילנא: פין-ראזענקראנץ, 1864)

ספר

לב טוב

איר אַלֶע מֶענְטְשֶׁן דִיא בַּשֶׁעפֶּענִישׁ פוּן גָאט: וָואשׁ עֶר הָאט בַּשַׁאפֶן דִיא וֶועלְט אוּנ יֶענִי
וֶועלְט אַז אִיר וֶועט לַייאֶענֶין דָאשׁ סֵפֶר וֶועט אִיר דְרִינֶען גִיפִינֶען דָאשׁ גַאנְצִי אֶדְשַׁקַייט
אוּנ עֶשׁ וֶועלִין גְרוֹשׁ הַנָאָה הָאבִּין דִי וָואשׁ וֶועלִין לֶערְנֶען דְרִינֶען : דְרִינֶען שְׁטֵייט דִי הַנְהָגָה
פוּן דֶעם מֶענְטְשֶׁן פוּן זַיין יוּגְנְט אָן : אוּנ אוֹיךְ פִיל דִינִים אוֹיף הִלְכוֹת שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב :
אוּנ אַלְץ וָואשׁ נִיצְלִיךְ אִיז הַיינְטִיגֶע צַייטִין : אוּנ דֶער וָואשׁ וֶועט הַאלְטִין וָואשׁ דְרִינֶען
שְׁטֵייט וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּא עוֹלָם הַבָּא אָמֵן :

[4] Square Sovietized 1930-

דאוויד בערגעלסאן, בירעבידזשאנער
(מאסקווע: עמעס, 1934)

זומער נײַנצנ הונדערט אכט אונ צוואנציק איז קינ בירע-
בידזשאנ אָפּגעפאָרנ איינע פונ די ערשטע גרופּעס ייִדישע אי-
בערוואנדערער. זי האָט זיכ אָנגעקליבנ ערגעצ ארום מינסק,
פּרילוקע אונ קאָנאָטאָפּ — מענטשנ האָרעווענדיקע אונ פּאָשעטע
מיט אלע מײַלעס אונ אלע כעסרוינעס, וואָס אזוינע פאר-
שלעפּנ מיט זיכ פונ קליינשטעטלדיקער היימ: מע איז א ביסל
טעמפּ, א ביסל צו קלוג, מע איז ניט געבילדעט, דעריבער —
שטענדיק אפ דער וואכ, טאָמער וועט עמעצער אָפּנארנ. דער
רעוואָליוציע אונ דער ארבעטער-מאכט גלייבט מענ, דאכט זיכ,
ווי אנ אייגענער. מע האָט ניט איינ מאָל געזענ: זי נעמט זיכ
אָנ דעמ אָרעמאנס קריוודע. דאָכ — דאָס פריערדיקע לעבנ האָט
אויסגעלערנט ניט אויסצוזאָגנ גלײַכ וואָס מע וויל, „פארדרייענ
יענעמ א קאָפּ, אניט וועט יענער דיר פארדרייענ", „פארבאָט

[3] Square Germanized 1890-

יהואש, פאַבלען, נ"י, 1912

פראָלאָג

איהר גרויסע רוהם-געקרוינטע גייסטער,
וואָס האָט דער ווארהייט'ס שטרענג געזיכט,
געמילדערט דורך דעם צויבער פון געדיכט —
איהר, וועלכע האָט די פאַבעל-מאַסקעראַד,
געוועהלט אלס צודעק פאַר דעם דענקער'ס ראַטה,
— כדי די וועלט צו קענען לערנען דרייסטער
פאַרצייהט, וואָס כ'האָב מיין פוס געשטעלט,
אויף קונסט און חכמה'ס שותפות'דיגען פעלד,
וואו איהר זייט אַנערקענטע מייסטער . . .

[5] Square Standardized (YIVO System)

1937-

ייִדישע שפּראַך

(נ"י), 1974

ייִדישע שפּראַך טערמינאָלאָגישע אַנקעטע 18

cell-mate

פֿירגעלייגט אינעם פֿונאַנדערפֿרעג: מיטתּפֿיסהניק.
אַסטור: מיטקאַמערניק. (זען ה. לייוויק, אויף צאַרישער קאַטאָרגע, ז׳ 110
און אַנדערש װוּ. צו וואָס דאַרף מען צוטראַכטן נײַע ווערטער, אַז זיצן אין תּפֿיסה־
קאַמערן איז ניט קיין נײַעס פֿאַר ייִדישע שרײַבערס?)
אָקרוטני, קאַפֿקע, שעכטער־גאָטעסמאַן: תּפֿיסה־חבֿר.
דאָבקין, שאַפּיר, שעכטער־גאָטעסמאַן, שעסקין: תּפֿיסה־ברודער.
גאָלד, גאָרעליק, גוטמאַנס, נײַגרעשל: מיטתּפֿיסהניק.
ש. ערליך: מיטזיצער. צוקער: מיטתּפֿיסהניק טויג ניט; ס׳קלינגט ווי פֿון אַ
גאַנצער תּפֿיסה.
ציטלין: מיטתּפֿיסהניק איז צו ברייט. מיט וואָס איז שלעכט צעל־חבֿר?
[ס׳איז דײַטשמעריש.] שעסקין: קאַמער־ברודער.
מ. שעכטער: מיטקאַמערניק; תּפֿיסה־ברודער.